לאָנדאָן-ווייטשעפּל · 15-טער יאַנואַר, 1943.

# ייִדיש שאַפּן אין לאָנדאָן

## ייִדיש שאַפּן איבער לאָנדאָן

(איבערגאַנג־צייט)

PA 1585

.1

ניִשט קיין צו גוואַלטיק ליכט פֿון ייִדישן שאַפּן האָט אויפֿגעשיינט און שטראַלנדיק זיך אויסגעשפּרייט איבערן בעפֿלדיקן־ און ראַפּטים אויפֿשיינענדיקן לאָנדאָנער הימל. און די מיט גוואַלט זיך אַדורכשטע־סענדיקע, יענע דינע שטראַלעכלעך, וואָס דיקסטע טומאַנעס מוזן זיי אַדורכלאָזן, ווער האָט זיי דערזען אָדער גוואַלט כאָטש דערזען, און אין וועלכן האַרץ האָט עס דערגרייכט דאָס קרענקלעך־בלאַסע פּעדעמל פֿון זייער צאַנקנדיקן ניִשט אויסגעיאָגנדיקן ליכט? אפשר, אַ פֿרעמדן בלאָנ־דזשענדיקן, אין די ערשטע טעג פֿון זיין אָנקומען דאָ־אַהער, איז עס גע־פֿאַלן אין זיינע זוכנדיקע אויגן, ווי אַ שטראַל וואָס פֿאַלט אַרויס פֿון אַ שפּאַלט פֿון אַ טיר, אין אַ שטאָק־פֿינסטערע נאַכט; אָבער ווי נאָר דער פֿרעמדער קומט נענטער צו דער טיר און געפֿינט זי און עפֿנט זי אויף, פֿאַרשווינדט ער אויך אין דער פּלוצלינג פֿאַרטונקלטער עפֿענונג, און ער זעט אויך ניִשט מער דעם אַרויסטריפֿנדיקן בלייכן שיין.

כמעט ווי אונטער קאָנטראָל פֿון די יהודים איז ער דאָך געשטאַנען דער זיך שווער אויפֿבויענדיקער ייִדישער קבוץ דאָ. און ניִשט ווייניק, לײַדער, פֿון די אַזוי גערופֿענע „פּאַטראָנאַטן" און „אינטענסיווע" קולטור־העלפֿער זיינען געווען אין וועג שטייענדיקע שטרויכלונגען און טיילמאָל פֿאַרשטעלטע צעשטערער. און ניִשט קיין סך אַנדערש איז עס, צו אונזער גרויס באַדויערן, ביזן הייַנטיקן טאָג —

אונטער דער אייגענער פֿאַלע קאָן מען טראָגן אַן אָרעם מאָגער ליכטל און קיין בייזער שטורעם־ווינט וועט ניִשט ביכולת זיין עס אויסצולעשן, — מעבר־לים וועט מען עס אַזוי טראָגן באַשיצט און באַשירעמט מיט די אייגענע צען פֿינגער! אָבער, אַז „גוטע" העלפֿער נעמען עס דיר אַרויס פֿון דיינע באַשיצנדיקע הענט און שטעלן עס אַריין אין אַ לאַמטער און הינטענאַרום, חניפֿיש און כיטרע־באַהאַלטן, ברעכן זיי אַרויס אַ שייבל נאָך אַ שייבל — — —

אַ, און דאָס סלינעדיקע, דאָס בסדר זיך באַלעקנדיקע ווערטער־גע־פּלוידער, אַז דאָס הייליקסטע ווערט וואַכעדיק גלאַט, און פֿאַרן עטישסטן קאָן אַזש אָנבעמען שוין אַן עקל —

זאָל איך דאָס פּנים נאָך ווייטער איצט מאַלן ?
מ׳וועט דערקענען — — און איך וויל קיינעם נישט פֿאַרשעמען,

נישט קיין קאַץ און נישט קיין קאָטער אפֿילו,
בפֿרט אַ נפֿש׳ל חלילה מיט אַ נשמה, אַ שטילע ;
אָבער ווען דאָס צערעדט זיך מיט זיין וואָרט־געהעקל,

דאַרווין, וואָלטסטו געהערט דאָס חניפֿישע געמעקל — —
וואָלסט געוווסט ווער ס׳איז מענטשליכער שטאַם־פֿאָטער !
ס׳איז געווען אַ פּשוטער ווייטשעפּל קאָטער.

(פֿון „לאָנדאָנער סאָנעטן“ זייטל 22)

איז דאָך נאָך אַ נס, אַז צו יעטווידן שטראַלעכל טאַלענט, וואָס דער מינדסטער פּאָעט באַקומט ווערט אים אויך באַלד צוגעגעבן זיין שטראַלן אַמביציע, (אונטער גוטע באַדינגונגען ווערט עס אַיין האַרמאָנישער רעגנ־בויגן־שיין, אונטער שלעכטע אָבער, ווערט אויך דאָס צאַרט שטראַ־לעכל פֿאַרצערט פֿון די טונקלע אַמביציעס ; און וואָס נאָך ערגער : אויס־געניצט פֿון פֿרעמדע, ווערט עס דער „הייליקער“ ווידערשיין פֿון די אויס־נוצערס... דאָס נאָר בדרך־אגב) אַז נישט ווער ווייסט אויב ס׳וואָלט אי־בערהויפּט איבערגעבליבן אַן איינציק געשריבן ליד, אָדער דערציילונג אויף דעם, אָדער איבער דעם, פֿאַרנעפּלטן, יידיש־פֿאַרטונקלטן אינזל דאָ.
האָט למשל אַ פּאָעט די אָפּגעשפּאַרטע פֿאַר פּונט, אָדער די צוזאַמענ־געשטעלטע, אויף טויזנט רירנדיקע און טייל מאָל שוין צו רירעוודיקע אופֿנים, אָפּצודרוקן זיינע מיט זיך מיטגעבראַנגטע, אָדער שוין דאָ גע־שריבענע לידער צי דערציילונג, זיינען די 500 אָפּגעדרוקטע עקזעמ־פּלאַרן געבליבן ליגן נישט פֿאַרקויפֿטע, ערגעץ אין אַ קעלער פֿון מייז צעפֿרעסן און פֿאַרשימלט. האָט אַ שרייבער געמיינט, אַז ער האָט אָנגע־שריבן אַ שטיק פּראָזע,— אַזוינס־און־אַזעלכעס ! — וואָס די „וועלט“ מוז עס אומבאַדינגט זען, און ווייל חוץ דרוקן האָט מען דאָך נאָך געמוזט באַצאָלן דעם איבערזעצער, האָט מען זיך אַרומגערינגלט מיט ווידמענ־דיקע מעצענאַטלעך ; אָבער מער ווי אַ טומל אין אייגענעם גלאָז וואַסער מאַכט עס נישט אַן ! דער „רום“ פֿונם שרייבער דערגרייכט אַלץ נישט דעם ים פֿון דער ענגלישער ליטעראַרישער אימפּעריע, וואָרעם דאָס איינע שטראַלעכל טאַלענט, ווי מאָגער ס׳זאָל נישט זיין, איז עס דאָך נאָך אַלץ מער ווי די ניין שטראַלן אַמביציע, — וואָרעם אפֿילו זיי גלאַנצן דאָך נאָר פֿון זיין ווידערשיין ! — און אויב עס האָט נישט קיין כּוח אַליין צו לייכטן אין דער פֿינסטערניש, זיין אייגן אָרעם וועלטל צו באַשטראַלן, וועלן אַלע אַנדערע באַמיאונגען אויך גאָרנישט קענען אויפֿטון —



דאָס מאָגערע דינסטע ליכט אָבער באַלייכט די צוויי באַמיענדיקע הענט, וואָס באַשיצן עס ! יאָ, אפֿשר פֿאַר אַ לעצט נשמה־ליכטל ברויך מען ניין חלקים וואַסער אין אַ גלאָז אַריינצוגיסן און איין חלק בוימאייל, די ניין חלקים וואַסער העלפֿן, אַז דאָס לעצטע טראָפּעלע אייל זאָל זיך אינ־גאַנצן אויסצאַנקן...
אַ, שווער איז צו מאַכן גלויבן יענעם אין דעם ביסעלע וואָס מ׳האָט, און נאָך שווערער אַליין דערין צו גלויבן, ווען די גאַנצע אַמביציע פֿאַר־לייגט זיך אויף דעם : אַנדערע צו וועלן מאַכן גלויבן אין זיך !... (מאָדנע, דער שוואַכער גלויבן אין זיך אַליין טראָגט תּמיד זיך אַרום מיט עפּעס אַ מיסיע !...) וואַקסט אַן אַלט־קלוגע ביטערקייט, אַ בייזע פֿאַרביסנקייט, אַ ציישנדיק גיפֿטיקע שלאַנג אין איי־גענעם האַרצן — די אייגענע אַמביציע, וואָס קאָן זי אַנדערש דעמלט טון, ווי קאָן זי זיך בעסער העלפֿן, ווי צו פֿאַרטויבן דעם נישט גלויבן אין זיך אין אַ נישט גלויבן אין דער יידישער שפּראַך און אין איר וואַקסנדי־קער ליטעראַטור.
און ווי לייכט איז דעמלט צו געפֿינען „פֿאַרערער“, — מער ווי ביים ענגליש־ריידנדיקן, ביי דעם וואָס וויל עס ערשט ווערן ! און איז די באַ־וווּנדערונג נישט אַזוי פֿיל פֿאַרן קינסטלערישן איז עס ווייניקסטנס פֿאַר דעם שפּראַך־טאַלענט — דאָס אַליין איז דאָך שוין „געניאַל“ : אַ „פֿאָ־רענער“, אַקאָרשט אַהערגעקומען און מיט איין „שמע־ישראל“־געשריי און מ׳דיכטעט שוין ענגליש ! —זיי, די „פֿאַרערער“, קלעבן זיך אַן ווי די נאָסע שנעקן אין די לאָטקעס, וואַקלדיקע אַרום די ברעגעס. און אויב מ׳דערשווימט אַלץ נישט צו צום ים פֿון דער ענגלישער ליטעראַטור אפֿילו מיט אָריגינעלעם (ענגלישען לשון !) געשריבענעם, אָבער צום זומפּ פֿון אַסימילאַציע איבער וועלכן פֿאַרפֿיר־ליכטלעך שוועבן אַרום מיט זייער פֿויל־בלענדנדיקן פֿאַלטש־שיין דערנענטערט מען זיך ; וואָרים די גע־פֿאַר פֿאַר אַ שעקספּיר לויתן איז דאָרט נישטאָ, העכסטנס שטורעמט דאָרט אויף די מוטנע כוואַליעס אַזאַ געטאָ־טרוימער וואַלפֿיש.
און ס׳איז, אפֿשר, קיין בלויזער צופֿאַל נישט געווען, וואָס נאָך די אַלע נסיונות און אָפּהענגיקייט־געפֿאַרן איז עס משה עובד ווידער געווען, וועלכער איז אַרויס בשלום מיט זיין כיטרע־געקליגלטן אָבער קינדלעך־טאַאיוון (נאָר קינדער און קינסטלער קאָנען זיין אויף איינמאָל כיטרע און נאַאיוו גלייכצייטיק — אין נסים גלויבנדיק, כּדי צו קאָנען לעבן און חלום׳ן. די גרויסע ליריק אָבער הויבט זיך אָן ערשט דעמלט, ווען דער קינסטלער איז שוין רעאַל און נאַטירלעך פֿאַרשפּילט מיט זיך, מיט דער וועלט און מיט זיין וואַכנדיקע וויזיע ווי אַ קינד...) מעמואַרן־בוך „וויזיאָ־נען און איידלשטיינער“ (1931) — זיין יידישלעך פּאָעטיש בוך „לעבנס־לידער“ (1924) מיטן אַריינפֿיר ליד „יידיש“ זיינען שוין געווען די גאַראַנטיע דערויף, אַז ער וועט זיין עומד בנסיון. מיט דעם בוך לידער

ווערט ער ערשט דער פּאָעט משה עובד! זיין „אַרויס פון כאַאָס" (1917) קאָן נאָך זיין אַזאַ מין פּאַבעריטעט־אויפבּרויז, אַ געוויסנס־דערשיטערונג, אַ נאָך נישט געפאָרעמטער, זיינע „לעבנס־לידער", אָבער מיט זייער פאָלקסטימליכקייט און נשמה צעריסנקייט און דער עיקר מיט זייער פּוילישע פּשטות־פּאָעטישקייט זיינען ירושה׳דיקע; מאַנכע לידער זיינען יענע אַלטע היימישע פּערל־שנירלעך פון מאַמעס האַלז אַראָפּ, צעשאָטענע, פאַרבלאַסטע, אָבער אַזוי קוינציק ווידער אויפגעצויגן זיי צו טראָגן אויפן האַלז פון זיין הימליש־פאַרטרוימטער „שכינה".

בן־א. סאָכאַטשעווסקי׳ן קומט עס שוין ווידער שווערער אָן צוריקצוגעפינען זיין פּאָעטישער טראַדיציע, ווי עס באַווייזט זיין בוך „אונטערן שווערד" (1941) (צוזאַמען אַרויסגעגעבן מיטן פּאָעט יוסף הלל לעווי). לעווי האָט אויך אַרויסגעגעבן דאָ זיין בוך „קראָקע" (1941). ביידע ביכער זיינע האָבן אין זיך פיינע שטעלן וואָס דערמאָנען אין זיינע אַמאָליקע עכטע און טיפע „סופר־לידער", אָבער אויך אין זיינע פלאַסלעכע און היימיש־היימישע סענטימענטן, אפילו ווען ער באַנוצט זיך איצט מיט מאָדערניזירטע בילדליכקייט. ער איז געבליבן דער זעלבער און דער אונז ליבער ווי תמיד.

„כ׳האָב זיך אַלץ נאָך נישט פאַרביטן,
צי מיין ליד איז גוט צי שלעכט —
איז עס אָבער תמיד עכט,
איבערלעבט און דורכגעליטן".

„אונטערן שווערט" 143.

יוסף הלל לעווי געהערט צו די ערשטע פון דער פּלעיאַדע פון אונזערע גאַליצישע פּאָעטן.

בן־א. סאָכאַטשעווסקי אין דעם דערמאָנטן בוך נאָך אַ לאַנגער הפסקה באַמיט זיך אָנצוקניפּן, און ס׳דאַכט זיך אַז אומזיסט, אין עפּעס אַ פרעמדער עפּיק. זיין ליד, אָבער, צום זון דעם סאָלדאַט, איז שוין מער ווי אַ שטיקל ליטעראַרישע טראַדיציע בלויז, ס׳האָט אין זיך (ווען נישט ירושה׳דיקס!) די ירושה פון טאַטן צום זון, זיין אינערליכע שרעק און זוכנדיקע הילף פאַר אים. אויך אין זיינע צוויי געטאָ־סצענעס איצט אַרויסגעגעבן געפינט ער זיך שוין מער ווי אין זיין עלעגישע פּאָעמע „אַלבערט" (1942) דער סענטימענט איז יידישליכער פאַרטיפט און געדאַנקלעך געלייטערט. די צוויי דערמאָנטע סצענעס מיט זייער דערפילטן צער זיינען מער נאָך ווי אַ שריט ווייטער פון זיינע סימבאָלישע סצענעס אין „וועלט און מענטש" (1942).

און אויב לעאָ קעניג האָט נאָך די אַמביציע צו בלייבן איינער פון אונזערע קריטיקער (דעם טאַלענט דערצו האָט ער שוין באַוויזן!) מוז ער געפינען אין זיך די איבערצייגונג און די ליבע צו דער יידישער שפּראַך און אירע שאַפונגען, ווי זי איז ביי דר. עליאַשאָוו געווען אַזוי געוואַלטיק,



און ביי ש. ניגער נישט ווייניקער מסתמא, צום קליינסטן און מינסטן פון די יידישע וואָרט־קינסטלער. יאָ, די אויפגאַבע פונם קריטיקער איז נישט נאָר צו באַאורטיילן דאָס ווערק, נאָר דעם קינסטלער גופא אַרויסצוהעלפן פון זיינע פלאָנטערנישן. און מ׳קאָן אויך מיט אייגענע שיינקייטן און ווען גאַנצע זיינען נישטאָ, איז מיט האַלבע, ראַפינירט און סקעפּטיש קאָקעטירן אויב די ליבע דאַצו איז נאָר פאַראַן און די נויטווענדיקע איבערצייגונג —

איז זי דאָך פאַראַן געוועזן תמיד, און איצט נישט ווייניקער, חלילה, ביי די שאַפער פון אונזער שפּראַך־יצירה אומעטום און ביי זייערע אמת׳ע באַהיטער און באַשיצער, די איבערצייגטע און טיפע ליבע, ליכטיק צעשטראַלט, קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן צו ווערן. און די סימפּטאָמען דערפאַר זיינען דאָך תמיד אויך די ניי־אויפגעקומענע ישובים, וואָס ביי זייער אָפּגעלאָזנקייט און גייסטיקע פאַרלאָזנקייט ווערט סוף כל סוף דאָס קליינע נשמה־ליכטל אונזערס, דער צאַנקענדיקער נר־תמיד פון יידישן שאַפנדיקן וואָרט קיינמאָל נישט פאַרלאָשן, אונטער די דיקסטע נעפּלען און פאַרטונקלענישן טליעט דער שלהבת־יה, דאָס צאַרטסטע פינטעלע צעוואַקסט זיך און ווערט אַלץ גרעסער מיט יעדן אויפגייענדיקן טאָג. זיינען דאָך די באַשיידענע שטערן־בלימלעך, וואָס פינקלען נאָנט צו דער ערד אויף די פּראָסטע לאָנקעס, נישט ווייניקער באַווייז פאַר דער פרוכפּערקייט און נאָרונג פונם באָדן, ווי דאָס צעקנאָספּן פון אַלטע צעצווייגטע דעמבעס, צעשטרעקטע אין דער זון.

2.

דאָס עפּישע קאָנען אַריינפאָרמען דעם מקום אין וועלכן מ׳לעבט אינם לירישן ליד, אין די געפאָרעמטע דערציילונג, איז דאָס קינדליכע זיך דערמאָנען ערשטע דערינערונגען, פריע שטימונגען מיטן הויך נאָך פון זייער וואַרעמע אַטמאָספערע. און דאָס פון אַ פרישן, יוגנטלעך־שטאַרקן טאַלענט געפאָרעמט איז אָריגינעלע קונסט. ס׳איז דאָס דור־דורות׳דיקע אין אייגענעם אַלקערל אָנגעזאַמלטע און גע׳ירשנ׳טע, פון עלטער־עלטער־זיידן אויפגענומען און עס ווייטער מוסר געווען, פון אור־אור־אייניקל איבערגענומען און ווייטער איבערצוגעבן. זיי־אָ, די ערשטע דערלעבטע און פריע זכרונות אין די ירושה׳דיקע דלד־אמות זיינען דאָס די אַסאָציאַציעס, וואָס פאַלן אַריין ווי צעצאַפּלטע פישלעך אינם פאַרוואָרפּענעם נעץ, אויסגעפלאָכטן פון די האַרץ־פעדעם פון די אייגענע פאַרפלאָנטערטע בענקעניש, און זיי ווערן דאָס די ספּעציפישע אייגנאַרטיקייטן פון אַ געמיינזאַמען לעבעדיקן קבוץ. און אַקאָרשט דאָס דערמאָנטע, די ביידע עיקר׳דיקע עלעמענטן וועלכע פאַרבינדן דעם שאַפנדיקן מיט דעם אין אים לעבעדיקן געגנט איז זייער שווער צו געפינען אין די שאַפונגען פון אַ פרישן זיך בויענדיקן יידישן קבוץ. בפרט אין די ענגליש־ריידנדיקע לענדער, וווּ דער רייסער אידיאָם פון דער מדינה־שפּראַך מאַכט דאָס פרעמדע לשון פאָלקסטימליך שוין אין מויל ביים ערשטן דאָרט געבוירענעם דור.

וויפיל אַנגעפאַרענע טאַטע־מאַמעס זיינען שוין דאָ פאַרהאַנען, וואָס זיינען שטאָלץ אויף זייערע דאָ געבוירענע קינדער, וועלכע ווערן שוין האַלב אַריינגערעכנט צו די ענגלישע שרייבער, און זיי וועלן שוין קיינמאָל צוריק נישט קומען צו אונז, ווייל זיי וויסן צומאָל נישט דעם וועג און ווילן אים אפילו נישט וויסן. ס׳איז דאָך אונזער ספּעציפישע טראַגעדיע, ליידער, צו זוכן די „וואונדער־קינדער" אין אונזערע נייע ישובים אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אופן, ד. ה. צי ס׳איז איבערהויפּט פאַראַן ווער צווישן די שאַפנדיקע אינם פרישן קיבוץ, אַזאַ איינער, וואָס איז געבוירן געוואָרן דאָרט.

איז דאָך ממילא גאַנץ נאַטירלעך, אַז דעם יידיש־געשאַפענעם פעלט דער זויערער טוכלער ריח פון די נעפּלען דאָ און דער שאַרפער גערוך פון די ווינדן; דערפאַר מסתמא, איז כמעט אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דאָ במשך פונם אָנהויב פונם ערשטן פּעריאָד אַן אַבסטראַקט־געדאַנקלעך־נאָגנדיק־בענקנדיק, דאָס פּיצעלע עכטע עפּיק וואָס איז שוין טיילמאָל יאָ פאַראַן איז עס דער פאַרפּלאָנטערטער דרים־פאָדעם פון די וויקלדיקע קנויל פון דער אַלטער היים. און געלינגט שוין ווער אַ ליד איבער דער טעמזע, איבער דער שטאָט לאָנדאָן, איז מער הימניש־דידאַקטיש, געדאַנקלעך־בענקעדיק, אָבער נאָך נישט אינערלעך־אַטמאָספעריש, זינלעך־פּלאַסטיש — דאָס געזעענע בילד מיט די הענט אָנצוטאַפּן! ס׳האָט אפילו נישט מער יענעם סאָציאַלן־וויזיאָנערישן שאַפונגס־כח פון די אַמאָליקע ווינטשעווסקי־„פּאַגעס" — דער גאַנץ ערשטער אָנהויב האָט נאָך געהאַט דעם מיטרייסנדיקן שטראָם אין זיך פון די אָנגעקומענע און די אַדורכרייזנדיקע מאַסן. די לעצטע צענדליקע יאָרן זיינען שוין דער מידער מעלאַנכאָלישער אויסדרוק פונם געבליבענעם איזאָלירטן, וואָס זוכט זיך, ווי־נישט־איז, אַ ביסל באַקוועם צו מאַכן און זיך צו באַרעטיקן. די שווערקייט פונם איבערגאַנגס־אָרט זיך אַ ביסל צו פאַרלייכטערן און שלום צו מאַכן דערמיט — די געשריבענע שורות זיינען אין די מנוחה־שעה׳ן די פאַרפלאַנצטע בלומען־בייטן אינם גערטל דרויסן פאַרן פענסטער — ס׳איז נישט מער איבערגאַנגס־אָרט — ס׳איז איבערגאַנגס־צייט שוין, אָבער ס׳האָט אויך נאָך אַלץ זיינע געפאַרן.

יאָ, אַזוי טרויעריק הויבט סאָכאַטשעווסקי אָן זיין בוך „געזאַמלטע שריפטן", „וועלט און מענטש".

אין ליכט פון טאָג,
ווען איך האָב דורך די גאַסן פון דער שטאָט געוואַנדערט,
האָב איך געפילט ווי איינזאַם, גאָט, איך בין:
אַ מענטש געעלטערט
און אַ פרעמדער אין דעם נייעם לעבן,
וואָס שלעפּט זיך אום אין עלנטקייט און ווייסט ניט ווו אַהין.

יאָ, א. מ. קייזער׳ס לייכטע הומאָריסטישקייט און גלייכווערטל־שפּיל



ווען נאָך נישט טיפע פאַרוואָרצלטקייט, איז אָבער ווידערפאַרפלאַנצונג פון יידישן וואָרט דאָ. קייזער׳ס בעיקר׳דיקע שרייבערישע אַרט איז דאָך דאָס צאַצקען זיך מיטן וואָרט, און דווקא מיטן יידישליכסטן. ער דרייט עס אַזוי לאַנג און פאַרדרייט עס אַזוי קונציק־קאָמיש, מיט יידישליכן „הינטערגעדאַנק" און סיפור־המעשה, ביז ער אַליין דרייט זיך גלאַט דערפון אַרויס. און דערפאַר איז אים מסתמא אַמייסטן געלונגען אַ שטיק ווייטשעפּל אַריינצוטאַנדייטעווען אין זיין וויציקן גראַם־ און וואָרט־שפּיל, כאָטש (און אפשר טאַקע גאָר דערפאַר!) ער איז שוין כמעט אַ געבוירענער דאָ, אַהער געבראַכט פון זיינע עלטערן קוים אַ יאָר אַלט. און ווען נישט די ווייטשעפּלער יידישע „פּאַגעס" און זיין אַליין זיך פאַרטונקלען (זיינע אַמביציעס פאַרשווענדט ער גאַנץ אַנדערשוו, נישט אויפן ליטעראַרישן געביט) וואָלט קייזער זיכער געוועזן אונזער לאָנדאָנער טונקעלער.

יאָ, דער באַקאַנטער איבערזעצער און ענגליש־שרייבער יוסף לעפּט־וויטש, איבערזעצער און רעדאַגירער פון די אַנטאָלאָגיעס פון דער אידישער פּאָעזיע און פּראָזע אין ענגליש, אַ חוץ זיין נוצליכער אַרבעט פאַר דער יידישער ליטעראַטור, געהערט ער נאָך צו יענע ווייניגע „וואונדער־קינדער", וועלכע שרייבן נאָך אַמאָל אַן אין יידיש אַ גוט ליד אָדער אַן עסיי.

קעטי בראון, אַמייינסטן באַקאַנט דאָ דורך אירע סאָלאָ־ און דועטן־פּערזן פאַרן יידישן טעאַטער, און שמואל וווהייט („נשמה־קלאַנגען", 1942, מיט אַ פאָרוואָרט פון מאָררים מייער) זיינען אויך אַהער געקומען נישט אַ סך עלטער ווי די צוויי אַקאָרשט דערמאָנטע. וווהייט, אין זיינע „נשמה־קלאַנגען", איז נאָך אַ נעפּל־פאַרשווימענער ווידער־קול פון געדאַנקען און פון פּאָבוריטעט־אויפגעוואַכטע פרילינג־געפילן, וואָס דאָ און דאָרט שפּראָצט טיילמאָל אַרויס אַ צאַרט בלימעל.

און איז נישט אַ טעגליכע יידישע צייטונג (אפילו אין דער אגודה „יידישע וואָכנצייטונג" באַמיט זיך י. לאַנדאָ מיט פּערזן אַ טעמע צו באַאַרבעטן) און אַ טעאַטער, אפילו אַן אַפּערעטן־טעאַטער אַזעלכע פאַרנעפּלטע און ווידער פלוצלינג אויפשיינענדיקע פליינען, וואָס אין זייער סאָג־טעגליכן מאַנאָטאָנעם קייען־ און ווידערקייען־קלאַנג היימישט זיך אַ ישוב?

זאָלן נאָך דערמאָנט ווערן דער אַקטיאָר יוסף מאַרקאָוויטש, וועלכער האָט „פאַרפאַסט" אייניקע פאַרן טעאַטער דאָ גוט־צוגעפּאַסטע טעאַטער־שטיקער און מאַנכע באמת פיינע צום דעקלאַמירן „דראַמאַטישע"־פּאָעמעס, און דעם רעדאַקטאָר מאָררים מייער׳ס בוך „יידיש טעאַטער" (1942), אָבער ס׳ווערט צופיל געשעפטלעך־ און טעאַטער־מעסיק געטומלט און גערעשט דערמיט, אַז מ׳זאָל קאָנען ריכטיק אָפּשאַצן זיין קולטור־געשיכטלעכע וויכטיקייט פאַרן יידישן טעאַטער דאָ אין לאָנדאָן — דער שפּעטער ערנסטער פאָרשער וועט מוזן זוכן געטרייערע דאָקומענטן ווי

40 יאָר געזאַמעלטע ליטעראַריש מיטלמעסיקע רעצענזיעס. (און ווער
קאָן וויסן אויב נישט רעקלאַמיש ?) קולטור, אַלנפאַלס, איז „לא
ברעש" ולא בגעשעפט ! מאָררים מייער׳ס „בעל־שם"־„פּאָפּולאַריזאַציע",
וואָס אונטערן ציטונגס־שטריך האָט זי געקאָנט גיין און פאַרטרעטן אַ
ביליקן ראָמאַן, ווי מייזל׳ס און פּאַלמע׳ס טעאַטער שטיקער — לוסטיקע
אָפּערעטעס, אָבער פּונקט ווי די לעצטע האָבן קיין שום פּרעטענציע צו
ערנסטע דראַמע, האָט דער „בעל־שם" (1942) אַלס בוך קיין שום שייכות
נישט מיט שאַפנדיקער ליטעראַטור —

פּאַלמע׳ס פּסיכאָלאָגישע דידאַקטישע נאָוועלע „צווישן פיר ווענט",
1941, שטייט אויך נישט אויף אַ פיל ליטעראַרישער העכערער מדרגה.
אין זיין הימנישע סענטימענטאַלע און עכטערע סאָציאַלע לידער שטערט
אויך אָפט דאָס ריטמיש הוילע פון זיין לייכטן גראַם־געטענצל.

דער אַזוי גערופענער טעאַטער־ און ליטעראַטור־שונד קולטיווירט
און געפּלעגט, האָט זיינע פיינקייטן און „רעפינעסן" און דערגרייכט
און קאָן ברענגען געוויסע גייסטיקע גענוס־מעגלעכקייטן אויף זיין לייכ־
טער אַרט, ווי עכטע ערנסטע קונסט אויף פאַרטיפן און העכער עטיש־
עסטעטישן ניווא — די ביידע זאַכן געשמאַקלאָז צוזאַמענגעמישט איז
שעטנדז, איז כלאים ! און עס וואַקסן אַרויס גיפטיקע ביטערע קרייטעכצער.
אין אַ פרישן זיך בויענדיקן קבוץ, ווו דאָס מינדסטע געוויקסל איז לעבנס־
נויטווענדיק און שוועבט אין טויזנט געפאַרן, אָפּהענגיק און אָפּהענדיק פון
יעדער קלענסטער „קלימאַטישער" ענדערונג, איז די קולטיווירונג און
ריינקייט איינס פון די ערשטע עיקרים.

און ווען נישט די עכטע שטערן־ און גענזן־בלימעלעך מיט ציטער־
דיקע הענט אויסגעזייט און מיט שווערע מי איבער דער פרעמדער נעפּל־
דיקער ערד דאָ אויפגעצויגענדיק, וואָלט י. א. ליסקי, קומענדיק דאָ אַהער,
געפונען די מאָגערע פּאַשע פאַר זיינע היימיש־מיטגעבראַכטע לעבעדיקע
גענז, און וואָלט ער געקענט שרייבן די געשמאַקע שטיקער שילדערונג
איבער וויטשעפּל ? („פּראָדוקטיוויזאַציע" 1937). ליסקי אין זיין נייער
און געלונגענער דערציילונג איצט 1942 „פאַר דו קליינער קאָ־
זאַק" איז אַ הערפריידיקער און אַ „רעאַליסטישער" גוטער צוזאָג
(ווען נאָך נישט קיין רעאַלער, ווייל אָריגינעלע און אייגנאַרטיקע פּראָזע
איז נישט נאָר פאָרעם און פּסיכישע שילדערונג, ס׳איז מעטאַליש געלוי־
טערטער ווידערקלאַנג פון אינערלעכער פאַרטיפונג) פאַר אַ
ברייטערן און מער אין צוים זיך האַלטנדיקן אַרויספאָר איבער
די גאַסן פון לאָנדאָן. און וואָלט מיך נישט „די לעצטע נאַכט"
(1936) דאָ פאַרפלאָנטערט, ווען נישט דער שטראַל פון אַ טיר־
שפּאַלט, וואָס האָבן מיר די געסל־קעצלעך אַזוי לעבעדיק באַ־
לויכטן („לאָנדאָנער סאָנעטן" 1937) און האָב איך נישט „אין אַ וויטשעפּל
געסל" (1937) מיינע „עפּל" (1937) דאָ אָפּגעריסן ? און „דאָס קיילעכדיקע



יאָר" (1939) איז עס נישט רונדיק געוואָרן דאָ „אינם קליינסטן שטיבעלע"
(פאַרברענט אין „בליץ" מיט אַלע מיינע איבעריקע מיטגעבראַכטע כתבים)
פאַר מיינע שפּעטערדיקע „מלחמה־בליץ־העפטלעך" און נאָך פריערדיקע ?
(„האַקן־קרייץ 1938, „זיבן פראַגמענטן" 1939 און „לאָנדאָן ליריק" 1940
מיט אַ פאָרוואָרט פון מאָררים מייער).

איבער נ. מ. סידאָ׳ס בוך „די דיאַלעקטיק פון געפיל און געדאַנק"
(1941), מלכה לאָקער׳ס „שטעט" (1942) און די ראָמאַן־שריפטשטעלערין
אסתר קרייטמאַן, און איבער די פריש אָנגעקומענע שרייבער מיט באַקאַנ־
טע נעמען ווי דער פּאָעט איציק מאַנגער („וואָלקנס איבערן דאַך" 1942),
דעם פּראָזאַאיקער א. מ. פוקס, די יידיש־וויסנשאַפטלער דר. שלמה בירנ־
בוים, דר. מייטליס און דעם באַקאַנטן יידישן געלערנטן דר.
א. שטיינבערג, וואָס זיי זיינען דאָ פאַר אונזער ישוב און
קאָנען עס נאָך מער, אין אַ פּאָזיטיווערן און אינטענסיווערן זין
און דער נייער ישוב אויך פאַר זיי, אין שפּעטערן קאַפּיטל : יידישן שאַפן
אין לאָנדאָן (צווייטער פעריאָד). און ווען ס׳וועט אונז געלונגען (און ס׳מוז
געלונגען !) דעם צווייטן און שטאַבילערן פעריאָד צו גרונטפעסטיקן, וועלן
די געלייגטע פונדאַמענטן דאַצו זיין די יאָרן מסירת־נפש׳דיקע אַרבעט
פון איניקע יחידים אַרום דער וועלטלעכער שול ביים אַרבעטער רינג מיט
די וווּנדערלעכע קינדער פאַרשטעלונגען און וואַנט־ציטונגען און די צוויי
יאָר קאַמף אַרום „איקוף" מיט די אויסגאַבעס „יידיש לאָנדאָן" און די
סעריע יידישע שפּראַך־ און ליטעראַטור־לעקציעס אויפן לאָנדאָנער אוּ־
ניווערזיטעט פון דר. שלמה בירנבוים און יוסף לעפטוויטש.

וואָרעם עס איז פאַראַן צו די ירושה־ און זכרונות־אַסאָציאַציעס אויך
אַזעלכע פון פּלוצלינגע אַנדערשקייט, וואָס דווקא דעם פריש אָנגעקומע־
נעם וואַרפט עס זיך ווי אַ לעבעדיק ציטצאַפּלט בילד אין זיינע פאַרבליפטע
אויפגעריסענע אויגן און נישט נאָר נייע געזעענע אין וויזיעס, וואָס טראָגן
שוין אָריגינעלן און אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, נאָר זיינע מיט זיך מיט־
געבראַכטע און אין זיך טראָגנדיקע ירושה באַקומען די שווערקייט פון
געפיל פון דער לאַנדשאַפט, פון אינדעם אַהער אָנגעקומענעם מקום, זיין
נעפּלדיקע פאַרהילטקייט און כסדר ראַפּטימדיקן אויפשטראַלן. מ׳מוז נאָר
מיט אחריות אַכטונג געבן, אַז נישט באַרופענע אַמביציע־מענטשן זאָלן
דעם קומענדיקן פעריאָד נישט צו געשעפטלעך טיכטיק אויסנוצן, ווי
ס׳איז אָפט לײדער, דער פאַל געווען ביים ערשטן שוואַכערן פעריאָד און
אין די מי־פולע איבערגאַנג־צייט ; עס פאַרלאַנגט זיך אַ סטראַטעגישע
קלוגקייט טיילמאָל ווען ס׳האַנדלט זיך אין קאַמף (מיר מיינען דערמיט
נישט פּאַרטייאיש־טענדענציעזע אָדער „טאַלענטע" פון וועלכע ליטעראַ־
טור שולע"—נישט צומאָל גראַפאָמאַנען־לאַפּיטוטן און פּאָליטישע אַגענטן,
זיי געהערן אַריין אין אַ זיך ערשט אויפבויענדיקן קליינע קבוץ, פּונקט
אַזוי ווי אין אַ גרויסן איינגעפעסטיקטן)... מיט כיטרע און געניטע געלד־

און כבוד־זוכער און יענע כאַפּטעס קריכער און חנופים, וואָס מיט זייערע אינטריגעס און אויסערליכע שוואַכקייטן שטאַרקן זיי יענעמס אַמביציעס. און דאָס באַליידיקטע און טרויעריקע דערפון איז — און דאָס געוואַלטיק אַנשטרענגנדיקע און קליינעם ענגען, זיך כסדר שטויסנדיקן ישוב, וואָס יעדער איינער פון אונז קאָן עס ווערן, ווען מ׳גיט נישט זייער שטאַרק אַכטונג אויף זיך אַליין.

• • •

נאָך איז דער פאַרנעפּלטער באָדן דאָ וואַקלדיק ווי אַ שיף, וואָס איז אַקאָרשט אין אַ פּלוצלינגדיקן שטורעם־ווינט פאַראַנקערט געוואָרן! מיר מוזן זיך אַלע צוזאַמענעמען, מיט אַלע אונזערע בעסטע און העלפנדיקע כוחות, אַז מיר צוזאַמען מיט אונזער אין געפאַר צערטרייסלטע באַלאַדענע ירושה־שיף און מיט דעם פרישן שווער־אָנגעהאָרעוועטן שוין פון דאָ זאָל זיך פון אַנקער נישט אָפּרייסן און פאַרזינקן און טיפן פינסטערן תהום. אויף טונקעלע העלפער און מיטלויפער האָבן מיר זיך ווייניק וואָס צו פאַרלאָזן, זאָלן מיר נאָר באַשיצט און באַהיט זיין פאַר בייזווייליקע צעשטערער, באַהאַלטענע דאָ אין די פאַרנעפּלט פאַרפּלאָנטערטע טונקלענישן.

טויזנט געפאַר־וועגן האָט דער ים אין שטורעם־ווינט, אָבער דער ראַטעוונדיקער ציל איז דער איינציקער, און מיט די אייגענע מיענדיקע הענט באַשירעמט מען דאָס ליכטל, וואָס פירט אַרויס פון די פינסטערניש, באַשיצט און באַהיטן.

א. נ. שטענצל.

---

## משה עובד (פון דעם בוך „לעבנס־לידער״ 1924 זייטל 7־9)

### י י ד י ש

ביזט ביי מיר מאַמע־הייליק,
ביזט ביי מיר קינדער־צאַרט:
ווען איך טוליע זיך איין אין דיין בוזים, צוגייט
מיין האַרץ פון דיינע וואַרעמע רייד.
ווען מיינע ליפּצן נאָגן דיינע האָניק־ווערטער,
קוש איך דאָס העלזועלע פון מיין קינד.
„אוי״, איז דאָס לשון פון מיין נשמה,
„וויי״, איז דאָס געשריי פון מיין האַרץ.
זאָגט מיר, איר קורצזיכטיקע פילאָזאָפן, איר שבעים־לשונות־קענער,
צי האָט איר געהערט אַזעלכע צוקער־זיסע ווערטער ווי נשמה׳לע,
נחמה׳לע, ווייבעלע און טייבעלע?
צי האָט איר געזען אַ ליכט־בענטשן,
געהערט אַ גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב?



אוי, מאַמע־לשון, מאַמע־לשון!
ביזט ביי מיר חשוב ווי דאָס צוזאַמענגעשטיקטע חופה־קלייד
פון אַן אָרימער כלה,
הייליק ווי די טרער פון אַ געפּייניקט קינד.
איבער דיין קאָפּ פליען זיסע שלום־טויבן
און אין דיין גאָרטן וואַקסן האַרץ־דערקוויקנדע טרויבן.
נויט האָט דיך געבוירן,
שרעק האָט דיך דערצויגן —
ביזט פאַרוויטאַקט ווי די סטרונע פון מיין מוזע,
האָסט דעם טעם פון מדבר־מן.
מיט דיר וועל איך קלאָגן אויף אַלע וויסטע חורבות,
מיט דיר וועל איך דינען און לויבן גאָט.

---

ווען ווילדע צולאָזטע קינדער האָבן דיך מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל דערזען,
מיט אַ צוריסן, נאַס פאַרטוך, באַגאָסן מיט אַנגסט און מיט שוויס,
האָבן זיי אויף דיר שטיף־מאַמע, דינסט־מויד געשריען,
ניין, מאַמע, געטרייע מאַמע מיינע,
דיין פאַרטוך איז דורכגעווייקט מיט טרערן,
צוריסן מיט געוואַלדריסן פון אונזער נשמה,
שוויס פון אונזער שוויס, בלוט פון אונזער בלוט.
ווען פרעמדע לשונות האָבן ווי זאַמדן צווישן אונזערע ציין געקריצט,
און די הערליכע, געטליכע שפּראַך פון אונזערע אבות
האָט אין גלות נישט שיינען געוואָלט,
זיך ניט פאַרשווערכן געקאָנט,
און מיר האָבן געשמאַכט און געוויטאָקט
אין אונזערע פינסטערע וויגעלעך, ניט באַזונגען און ניט באַוויינט,
האָסטו זיך באַוויזן ווי דער מאָרגנשטערן פון מזרח,
געוואַכט און געלאָקערט איבער אונז,
אונז אויסגעקושט די ביינדעלעך,
מיט דיינע מעשה׳לעך פון אַמאָל,
אונז איינגעשלעפּערט מיט לידעלעך,
פון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען, און גליקליכע משיח׳ס צייטן.
און קוים וואָס מיר האָבן אַ ביסל געעפנט די אויגן,
און קוים ס׳איז אונז אַ ביסל בעסער געוואָרן,
האָבן מיר זיך געשעמט מיט דיר,
דיך פאַרלייקענען און פאַרגעסן געוואָלט.
אוי מאַמע־לשון! קינדער־לשון! אוי וויי, אוי וויי, גלות לשון!
ווער קען דיך באַגרייפן? ווער קען דיך פאַרשטיין?
דער צער פון דיין האַרץ דערגרייכט ביז צום אָפּגרונט פון ים, פון בושה,

און דער הויך פון דיין נשמה דערגרייכט צו דער קרוין פון גאָט.
— — — — — — — — — — — —

און מיין פאָלק, ווען ס׳וועט קומען די צייט,
ווען יעדעס פאָלק וועט מוזן ברענגען איר ליבע מוטער־שפּראַך,
אַ קרבן אויפ׳ן מזבח פון דער וועלטס־שפּראַך,
דעמאָלט, ווען דו, מיין פאָלק וועסט קומען
מיט דיינע צוויי קרבנות
פאַרגעס ניט פאַר ווייטאָק און פרייד,
אָפּצושניידן עטליכע שיינע גאָלדענע לאָקן,
און טראָג זיי אייביק נאָענט צו דיין האַרץ.

---

## א. נ. שטענצל (פון בוך „לאָנדאָנער סאָנעטן״ 1937)

מיט שפּייכלערס, מיט קעלערס אַלץ טיפער און טיפער,
מיט סקלאַדעס, מיט ביידעמער אַלץ העכער און העכער,
שטאָקן אויף שטאָקן און דעכער אויף דעכער,
מאַרמאָר און גראַניט און קופער און שיפער.

לייבן־גריוועס זיינען הימלען דאָ איבער הייזער,
צעהאָנגענע איבער געביידעס איבער געמעכער,
און די גאַסן אַזעלכע באָרעס, אַזעלכע לעכער
פול געבריל געבורום, פול גרימיגן געבייזער —

די בוסעס לויפן פון די לאַפּעס אַנטלאָפענע!
אָ, פון איינגעהאַלטענעם צאָרן אויגן איבערלאָפענע
זיינען סקווערן, זיינען פלעצער צענעפּלטער רויך.

אַלץ טיפער און טיפער אַלץ העכער און העכער,
און פון די העכסטע דעכער און געמעכער
פאַלט תמיד דאָס קעצל אויף ווייכן בויך.

• • •

ס׳דרייט זיך דער ערד־באַלם און אַלץ מיט אים מיט,
די אויטאָס, די באַנען, די שיפן, די פליער,
און יעדער וואָס שנעלער און יעדער וואָס פריער,
און דאָס געיאָג אין די דראָטן איז פּראָפּיט און פּראָפּיט!



נולן, נולן, פון שרייב־מאַשינען אַזאַ שרויטיקער געשיט!
אַזש ס׳שווינדלען די אויגן, אַזש ס׳פּלאַצן די שלייפן,
גאַנצע זון נאָר אַזאַ נוליקער רעקלאַמע רייפן!
מ׳מוז אין איר נאָר דורכשיסן דאָס לאָך אינדערמיט.

נולן, נולן, און ווו איז דער ערשטער, דער ציפער פאָראויס,
אָ, יענע האַנט אויף וואַנט מיט פייערדיקן „מנה טקל״
האָט גיכט שוין אין די פינגער פון דעם נולן געהעקל —

נולן, נולן, גאַנצע וועלט איין דראָטיקער נולן געפלעכט!
און יעטווידעס האַרץ, מיט זיין עכט און זיין רעכט,
אין אַ לאַפּקע געפאַנגען, אַ צאַפּלדיקע מויז.

---

„אין אַ ווייטשעפּל געסל״.
(פון ביכל „סוף זומער פערזן״ 1937)

די געלע נעפּלען פון די ווינטיקע ווינטערס
טראָגן זיי איצט נאָך דאָ אין יעדן פּנים־פאַלט,
און די גוטסקייט פון זייערע מידע אויגן
קוקט טונקל אַרויס אַזוי איבערלאָפּן און קאַלט.

אַ גאַנצן טאָג מיטן הייסן פּרעס־אייזן אין האַנט
ווערן ליפּן בייז־צוזאַמענגעפּרעסט און האַרט!
פון די פאַרמוטשעטע, קומענדיקע פון די שאָפּס,
הילכט דאָס געסל דאָ אָפּ אַזוי וואַקלדיק אָפּגענאַרט.

•

„נישט דאָס געקעכץ און נישט דער חזן אין שול להבדיל — —
עפּעס אַלץ דאָ אַזוי ווי אַן טעם און אָן חן — —״
פּופציק יאָר שוין באַלד דאָ — — און אַ היימישע ראָסל־פליישׁ
סלינעט נאָך אַלץ צווישן זיינע קוים געבליבענע ציין.

אָז נאָר אָפּגעריבענע ווערטער נאָך, צעבויגענע,
דריקט דאָס נישט פאַרשטיין אויפן האַרץ שווער ווי שטיין,
ווערט אייגן בלוט און פלייש פרעמד אפילו
און מ׳הויבט אָן דעמאָלט צו ריידן צו זיך שוין אַליין.

•

מיט אַ רויט געלאַמעווועט אויג קוקט אַראָפּ די זון,
ווי ז'וואָלט גאַנצע נאַכט צו וויינען נישט אויפגעהערט,
פֿאַרן פֿענסטער אויבן אין'ם פּיצעלע הימל שטייט זי
ווי ווייטער נישט צו קענען, טרויריק אַזוי פֿאַרקלערט:

ביז מ'שלעפּט זיך שוין צו דאָ — אַזאַ פּיצעלע ערד — —
וווּ מיט שיפֿן ס'גאָלד פֿון דער וועלט ווערט אַהער געפֿירט
און דאָ גראָד מוז איך מיך טרעפֿן אויג אויף אויג מיט דער נויט,
אַז מ'קאָן חלילה שטיינבלייבן פֿון שכל גערירט —

•

און מיט אַמאָל זעסטו אַ פּנים גערונצלט און אַלט,
מיט אַ טיכל איבערן שטערן אַזוי טיף געריקט,
דו בלייבסט שטיין, ס'האַרץ בלייבט מיט־שטיין,
מיט אויפגעריסענע בליקן שטיל און געבוקט —

די רעם פֿון דער טיר, די ביישטידלעך, די שוועל,
ס'איז אַזאַ געראַמט בילד פֿון דערהיים מיטגעבראַכט!
פֿון פּוילן, פֿון ליטע, פֿון אַ שטעטל אין רייסן,
דאָס געסל דאָ צו הייליקן איז עס אויפגעהענגט.

•

אַ געסל אַזוינס, אַז מ'שפּרייט אויס די צוויי הענט
קאָן מען'ס צום האַרצן צודריקן — אַזוי גרויס!
און דאָס וואָרט אין מיר, וואָס קאָן עס שוין גאָר זיין?
טאַקע נאָר אין אַ לאַפּקע אַ צעצאַפּלטע מויז.

„גאָט פֿון אברהם, פֿון יצחק און פֿון יעקב
באַשיץ און באַשירעם דיין פֿאָלק ישראל — — "
שעפּטשע איך מיט מיט דער אַלטער, וואָס שטייט אויף דער שוועל,
אַזוי קליין — — אַ קינד — — ווי אינדערהיים אַמאָל.

•

איז זי די אַכציק יאָריקע פֿון אַכציק יעריקן
שטילינקע אָוועקגעשטאָרבן אָקאָרשט יעצט.
איז דער אַכציק יאָריקער ווי אַ חתן ביי איר געזעסן,
און די שכנות האָבן זי ווי אַ יונגע כלה באַזעצט.

געבענטשט איז דער וואַקל פֿון מיין שריט געוועזן אַהערדאָ,
און דו, אַלטיטשקע, אַ דאַנק דיר, וואָס האָסט אַזוי לאַנג געוואַרט,
איך בין אַהערגעקומען דיך צו האַלבן און צו שמירן
ווי אַ קעניגליכע מומיע צו בלייבן אונז אויפֿבאַוואַרט.



## י. א. ליסקי (אַ טייל פֿון זיינע אַ דערציילונג פֿון זיין בוך „פּראָדוקטיוויזאַציע" 1937, פֿון זייטל 78 ביז 81)

שבת איז סעם שטריקער אַ פֿרייער מענטש. אויסגעפּוצט אין זיין בעסטן אַנטועכץ, מיט אַ קייט אין דער מיטן פֿון דער וועסט, און דאָס ווייב ביי דער זייט, איז ער געגאַנגען צו מיסטער גראַדל...

די גאַסן און געסלעך פֿון ווייטשעפּל האָבן זיך אין נעפּל פֿונדער ווייטנס געצייכנט, ווי אַ קייט פֿון גרעסערע און קלענערע, נאַסע, פֿאַרשוואַרצטע, און אָפּגעריסענע בערג. אין זיי איז געווען יענע פּוסטע, אויפגעראַמטע, און נודנע שטילקייט, וואָס די יידישע בירגער ווייזן אַרויס אום שבת, ווען ס'הערט אויף זייער האַנדל און וואַנדל. די גראָבע מיידן, וואָס מ'זעט זיי דאָרט אַ גאַנצע וואָך אויף די טירן פֿון די קראָמען, רופֿן קונים, זיינען איצט געשטאַנען אין די ווינקלען, נעבן פּייכטע, פֿאַרשוואַרצטע ווענט, און האָבן זיך צוגעהערט צו די דרשות פֿון די מיסיאָנערן.

אין איינעם פֿון די געסלעך האָט אין פֿראָנט פֿון אַ טויער זיך געשוואַרצט אַן אָפּגעשלאָגענע שילד מיט אַ צוקריצטער אויפשריפט: מ. גראַדל'ס רעסטאָראַנט. אונטער אַ גרויסער שויב, מיט אַ צושמירטן מגן־דוד אין הערמיט איז געלעגן אַ האַרט שטיק בלוי פֿאַרקאַכט פֿלייש. מיסטער גראַדל האַלט זיך פֿאַר אַ גרויסן אויפטוער דערמיט וואָס ער שטעלט אַרויס אַזאַ שטיק פֿלייש אין פֿענסטער, פּונקט אַזוי האַלט ער פֿאַר אַן אויפטו נישט צו לאָזן אום שבת שפּילן דעם ראַדיאָ, כאָטש ער איז נישט פֿרום... אַזאַ ביסן ציט גיכער צו אַ קונה איידער אַ שטיק פֿיש געפּרעגלט אין אויל, אָדער אַ פּיידע זיסער קוכן, מיט אַ סך ראָזשינקעס, וואָס די אַנדערע רעסטאָראַטאָרס שטעלן אַרויס אין זייערע פֿענסטער...

מיט אַ ווייך קרענקלעך פּנים האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין זיין רעסטאָראַן, און שטענדיק געהאַלטן גרייט אַ גוטברידערישן שמייכל אין די גרינע אויגן. ער האָט זיך אַלעמאָל צוגעזעצט צו אַן אַנדער טישל, און נישט נאָר האָט ער אַ סך גערעדט, און זיך געשפּאַרט מיט די יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די „דאָקס", ביי שניידעריי, ביי דער פּרעס, אָדער ביי סטאָליעריי, נאָר ער האָט גערעדט און זיך געשפּאַרט אויך מיט יענע יידן, אָפּגעשטאַנענע און פֿאַרגרעבטע, וועלכע זיינען פֿאַרבליבן אַלטע בחורים, פֿירן נישט קיין היימען, און ליגן איבער די קרעטשמעלעך, אין די אונטערגעסלעך פֿון ווייטשעפּל.

גראָד היינטיקן טאָג האָט ער דערציילט ווי אַזוי וואָגמאַן, וועמען די יידן פֿון רעסטאָראַנט האָבן געהאַלטן פֿאַר אַ באָלשעוויק, האָט זיך מיט זיינע חברים אַריינגעריסן אין דער „אָלימפּיאַ" אין דער צייט פֿון דער ערשטער גרויסער פֿאַשיסטישער פֿאַרזאַמלונג אין לאָנדאָן. מיט אַ שמייכל צו וואָגמאַנען, וועלכער איז געזעסן ביי אַ טישל אין אַ ווינקל, האָט מיס-

טער גראדל מיט אן אנגעשטרענגטן קול ווייטער איבערגעגעבן וואגמאנ׳ס גרוואגטקייט, ווי אזוי ער האט געשטעלט דעם פאשיסטישן פירער מאזלי אזעלכע פראגן, אז זיינע אנהענגער אין די שווארצע העמדלעך האבן שיער נישט באקומען דעם שלאק, פאר גרויס אויפרעגונג האבן זיי זיך געווארפן אויף אים, ווי די ווילדע חיות. „זיי האבן אבער ארייגעכאפט די אמת׳ע פעטש. וואגמאן האט זיי געהאקט מיט פארביסענע פויסטן, און אפילו נישט געפילט ווי מען האט פון אים אראפגעריסן די הויזן”. מיסטער גראדל האט זיך פארהוסט...

„זייער גלייך האסטו געטון”, האט א געשריי געטון מיסטער כהן, א ייד מיט א פעט־פארלאפענעם האלז און נאקן און ברייטע פלייצעס, ווי ביי אן אקס, מיט א גרויסן ווייכן בויך.

„איר זענט נישט גערעכט”, האט זיך ארייגעמישט מיסטער שפיגעל, א ציוניסט, וועלכער איז געשטאנען און געגעסן מארענירטן הערינג, וואס מיסעס גראדל האט אליין געמאכט מיט א סך לארבער בלעטער, „יידן דארפן זיך נישט מישן אין פאליטיק, זיי דארפן זיך פראדוקטיוויזירן”, האט ער געשריגן, און געדרייט מיטן קליינעם קאפ אויפן הויכן האלז...

די יידן אין רעסטאראנט זיינען געווען אויפגעבראכט, וואס דער ציוניסט האט זיי געשראקן נישט צו מישן זיך אין פאליטיק. זיי האבן אים אויך פיינט געהאט דערפאר, וואס ער איז א ייד א קבצן, שטופט זיך צווישן די ציוניסטן, קריכט אין „גרייט ראסעל סטריט”, און איז א גאנצער מיוחס ביי די רייכע יידן, וועלכע קויפן זיך טיטולען ביים קעניג. און כאטש די יידן דא אין רעסטאראנט האבן זיך ערשט נישט לאנג צוריק געהאט מיט אים געקריגט, ווייל ער האט זיי געהאלטן אין איין נודיען מיט זיין העברעאיש, זיינען זיי אבער פונדעסטוועגן געווען צופרידן, וואס מיסטער כהן וועט פון אים איצט ארייכאפן א גוטע פארציע. דעם מיסטער כהן קענען זיי נישט ליידן, און ס׳פארדריסט זיי וואס ער האלט זיך פאר א קאמוניסט, קלאפט שטענדיק וואגמאנען חבר׳יש אין דער פלייצע, און זאגט אים מיט זיין חניפיש שמייכעלע: „רעד פראנט קאמרייד”. זיי האבן געוווסט, אז דער מיסטער כהן איז א פאלטשער מענטש, און א מאני לענדער. אבער וואגמאן איז אן אייגענער, און זינט ער האט אין „הייד פארק” געהאלטן זיין פייערדיקע רעדע וועגן פארייניקטן פראנט, האבן די יידן אין רעסטאראנט אנגעהויבן אויף אים קוקן מיט א באזונדערן דרך ארץ.

אין רעסטאראנט האט ווי געוויינטלעך געברענט א גרויסער עלעקטרישער לאמפ, און אין א מאסיוון, ברייטן, אפגעניקלטן קעסל האט געזאטן וואסער אויף טיי. ביי די פייכטע ווענט, פארשווארצטע פון שטענדיקן רויך פון טאבאק, זיינען געשטאנען קליינע טישלעך, איבער זיי האט זיך געטראגן דאס קלאפן פוןביינערנע דאמינא שטיינער. אנארכיסטן, בונדיסטן, קאמוניסטן, אלע זיינען זיי געזעסן אין צודרייטע קאשקעטן,



מיט שווערע, פארהארעוועטע פנים׳ער, פעסטע, אנגעשטרענגטע, בלויליך־רויטע נעזער, הארטע, אנגעשטעלטע, נישט געגאלטע גאמבעס, מיט שארף שטעכעדיקע הערלעך, און האבן געשפילט.

פלוצלינג האט זיך מיסטער גראדל א לאז געטון מיט זיין גוט־ברודערישן שמייכל צו דער טיר: „העלא, סעם”. ער האט גלייך פארשטאנען, אז עפעס איז נישט גלאט, וואס סעם איז געקומען מיטן ווייב. „העלא!” האט סעם געענטפערט און א ווארף געטון זיין טעמפן בליק. ער האט זיך מיטן ווייב צוגעזעצט צו וואגמאנ׳ס טישל, און האט אויסגעשטרעקט זיין ברייטע, שווער פארהארעוועטע האנט: „האו דו יו דו”.

אין וואגמאנ׳ס אויגן האט זיך באוויזן א שמייכל. סעם האט זיך דערפילט אומבאהאלפן, ווי ער וואלט זיך פארשעמט פאר זיך אליין. אט איז וואגמאן, אויך אן ארבעטער און ער פארשטייט אזוי פיל; און ער, סעם, קען זיך קיין עצה נישט געבן. זיין ווייב האט אראפגעלאזט א פריקרע בליק, קענטיק אז איר האט באנג געטון אויפן גאנג.

---

## א. נ. שטענצל (פון בוך „לאנדאן ליריק” זייטל 22)

## „פאגעס”

א גאנצן פארמיטאק, אויף יענער זייט טעמזע,
דרייט זיך די זון און קאן נישט אהער אריבער,
ביי יעטווידער בריק שטעלט זי זיך אנידער
און בלייבט אלץ אויף יענער זייט דארט איבער;

א גאנצן נאכמיטאק, דורך פינסטערן טונעל,
שטופט זי זיך צווישן בוטן און טראמווייען,
א פארא‍ייטערטע מיט בלוטיקער וווּנד,
בלייבט זי ליגן דארט אונטערן רעדערדיקן דרייען.

האט שטאט אזא מאדנע מראה גאנצע טעג,
יענער האלבער הימל געל אזש פונם אייטער — —
לאנגע מעת־לעת׳ן וועט עס נאך מוזן געדויערן,
ביז א שיינענדיקע ז׳והעט זיך באוויזן ווייטער.

---

## יוסף הלל לעווי (פון זיין בוך „אונטערן שווערט", צוזאמען ארויס־געגעבן מיט בן־א. סאכאטשעווסקי, 1941, זייטל 120)

### ווייטשעפל (א פראגמענט)

א ווייטשעפל אידישער פערטל,
ווי טוט מיר מיין הארץ אזוי וויי,
געוועז מיר דיין יעדערעס ערטל
איז ליב ווי א מאמע און טריי.

דו האסט אין די ארימע שויסן
מיך צערטלעך באוואיגט פארוויגט,
ווען יעדערער האט מיך פארשטויסן
פארטריבן פאריאגט און פארשיקט.

געווען יעדע טיר פאר מיר אפען
איז שטענדס ביי די ערלעכע לייט, —
דאס בעט פאר א נאכט אויף צו שלאפן,
דער טיש פאר א מיטאג געגרייט.

ביי דיר האב איך פריי זיך באוואויגן
מיט היימלאז פאריאגטע א סך,
האסט פריי מיר געקוקט אין די אויגן,
גערעדט מיט מיר ליב אין מיין שפראך.

און בין איך דיין שוועל נור אריבער,
צוריק כ'האב שוין מער ניט געוואלט,
דיין עלנט געווען איז מיר ליבער —
ווי פערל, בריליאנטן און גאלד.

א, ווייטשעפל אידישער פערטל,
ווען כ'גיי דיינע חורבות פארביי, —
בלוטיקט אויף יעדערן ערטל
מיין הארץ פאר יסורים און וויי.

## שמואל ווהייט (פון זיין בוך „נשמה קלאנגן", 1941, זייטל 46)

### דער טאל

איך קוק פון הויכן בארג
אין טיפן טאל אראפ,
אויף מענטש ווי מילב די גרויס,
וואס שטעלט זיך קיינמאל אפ.

איך קוק און שוידער אויף,
ווייל טונקל איז דער טאל,



און איך אליין האב דאך
דארט אויך געלעבט אמאל.

נעמט מיך א קעלט ארום
מיט ציין פארביסן שווער,
דאך דאנק איך גאט פון בארג,
וואס כ'לעב אין טאל ניט מער.

## אברהם מ. ארזשיצער (פון זיין רעפארטאזשן־בוך „איראפעאישע שטריכן" 1941, זייטל 196)

„העמפסטעד־היטה" ווידער, דא האבן זיך בוים און לאנקע, בערגל און גראזן, אין געיעג פארפלאכטן, דא איבער שטאטישע קוימענס און איבער גאסן־אספאלט, זיך פארגלוסט אין יאגעלעך צו שפילן, ארומצו־מען און שטיפן, פארבאהאלטן זיך, די זון אין פינסטערע קוסטעס אריינ־נארן, יונגלעריש אן שום לאנדאנער ערנסטקייט אדער בעל־הבתישער פאראנטווארטליכקייט, ווילד און צאפלדיק גראזן און בוימער איבער פעלדער אקסלען פארווארפן און מ'לאכט פון אט דער ניזדעריקער שטאט וועלכע יאגט זיך מיט אויטאמאבילן און אויטאבוסן דעם שטויב אין מויל אריינכאפן און דעם קאפ מיט טומל פון אייזן שטאל און האמער צו פאר־הילכן.

ניין העמפסטעד־היטה וויל אין שטאט ניט אריינקריכן, ארט ניט וואס מענטשן מיידן אויס אין א וואכן טאג, קענען פון פאבריק און קראם קיין שעה ניט אפרייסן, וואַרט אויף זונטיקן און ספעציעלע יום־טובים ווען יונג און אלט, טאטע מאמע און קינדער וועלן אין שויס פון אירע וויכע גראזן מיט נאטור שפילעוודיקייט זיך באהעפטן, קינדעריש און מיט נאטירליכע באקן שמייכלען און לונגען מיט עמערס לופט אנפילן.

האבן זיך אריינגעצויגן באלאנען.

גרויסע אומבאהאלפענע ווייס זילבערדיקע אן פיסיקע העלפאנטן, ניט געקאנט פאקן קיין צימערן אין „ראסעל סקווער", און אפילו ניט ביי „פאדינגטאן", איז געשלאפן אין די פארקן.

יונגען אין טונקל בלאע אוניפארמען פארן זיך ארום די ריזיקע העלפאנטן, זיי מאכן זיי קריכן אויבן און בעטן זיי ארונטערקומען, גאנצע טעג מיט אנגעפילטע גאז בייכער, בלייבן באלאנען העגנען איבער שטאטישע דעכער, שטעלן אן זייערע גרויסע אויערן, ווילן הימל געשפרעכן אויפכאפן.

---

## מלכה לאקער (פון איר בוך „שטעט“ 1942. זייטל 20

פון דער פּאָעמע „לאָנדאָן“)

„ביג־בען“ האָט נאָר וואָס געשלאָגן.

און איך פּיל זיך אַוועקגעטראָגן הען
ביז צו די ברעגעס פון דער טעמזע.
אָן אויפהער גיסן זיך אירע וואַסערן
פאַרגיסן זיך אונטער אוראַלטע בריקן
וואָס גייען צוריק צו געבורט און געשיקן פון שטאָט.

ווילט זיך נאָכאַמאָל איבערבליקן
האַפן און שיפן פון גאָר דער וועלט,
די אייביק באַוועגטע ריפן פון טייך,
די „איננס“ און די „סיטי“,
און גראָד יענע אויף רעד־לייאָן־סקווער
גלייך אויפן ראָג —

ווו דיקנס פלעגט וועבן די מער פון זיינע חלומות —
און ס'ווילט זיך גלאַט בלאָנזשן
אין שטילע ענגע גאַסן פון וועסטמינסטער־סיטי,
ווו רויט־געציגלטע מויערן
פרווון זיך פאַרמישן מיטן רויט פון געראַניעס
אויף שמאָלע פענסטער־רעמען
און קענען ניט פאַרשעמען זייער הייסע קאָליר.

און אפשר וואָלט איך גאָר אַריין אין רעש
פון טראַפאַלגאַר־סקווער,
ווו דער אַספאַלט שפיגלט דעם שיין
פון זונפאַרגאַנג און פון ברויזיקן פאַרקער —

און ווען איך מאַך די אויגן צו
זע איך לאָנדאָן גרין —
פאַרקס און היטהס, סקווערס און לאָהנס
און יעדן מין פון בוים און קוסט,
גראָז און בלום און הייליקע לוסט
צו לעבן...

---



## איציק מאנגער (פון זיין בוך „וואָלקנס איבערן דאַך“, 1942,
זייטל 120־121)

### א ליד וועגן דעם דיאן דזשאנאטאן סוויפט און דעם יידישן גראמען־מאכער איציק מאנגער

לעש אויס אין מיין פענסטער די שטערן
און זאָל זיין שאַ און שטיל.
פאַרשטאָפּ דעם פּיסק דער גריל
און פאַרהאַמעווע די טרערן.

דער דיאַן פון סען פּאַטריק
זיצט ביי מיר צו גאַסט.
ער האָט דעם צוג פאַרפאַסט
קיין ליליפוט צוריק.

ער גריזשעט אַ קינדערשע פולקע
באַשמירט מיט גרינעם מושטאַר,
ער פאַררויכערט אַ ציגאַר
ווייל ס'איז פאַרשטאָפּט די ליולקע.

איך זאָג צו אים: „ר' יהונתן,
אונזער אַלטער פריינט דער טייוול,
הייסט זינט נעכטן ר' פּיוול
און איז ווידער אַמאָל אַ חתן“.

דער דיאַן עפנט אַ פלאַש
און טרינקט מיט מיר „לחיים“
פאַר די שדים פון מצרים
און פאַרבייסט מיט אַ המן־טאַש.

ער זאָגט: „איך וועל אים שיקן
סטעלאַס גילדענע בראָש,
זי וועט זיך באַגיין יאַקאָש
אָן די דאָזיקע „גאָלדענע גליקן“.

און פאַר זיין מציאה דער כלה
וועל איך שיקן וואַנעסאַס אַ טרער,
וואָס דאַרף די יפיפיה דען מער
און וואָס מער האָבן מיר אַלע?“

ער שווייגט. ביים נאָענטן וואָקזאַל
פייפט דער צוג קיין ליליפוט.

ער טוט אָן דעם צוקנייטשטן הוט
און פאַרוויקלט דעם האַלז מיטן שאַל.

ער גייט. „אַ גוטן, ר' איציק!"
די סעפּטעמבער־לבנה איז גרויס
איבער דעם שכנ'ס הויז
און זי חוזק'ט „איציק־שפּיציק"...

צינד אָן אין מיין פענסטער די שטערן,
ס'איז צופיל שאַ און שטיל,
גיב לשון צוריק דער גריל
און באַפריי די טרערן...

---

**א. מ. קייזער** (אויסצוג פון אַ כאַראַקטעריסטיק פון דעם 647'ער אָמניבוס, באַקאַנט אַלס דער „ווייטשעפּלער עקספּרעס" אָדער די „ירושלים'ער טראַמוויי", פון זיין בוך וואָס דערשיינט איצט)

## דער „ווייטשעפּלער עקספּרעס"

...דאָרט, אין „ווייטשעפּלער עקספּרעס", פאָרט איר בציבור, מיט נאָך עטלעכע מנינים יידן און איר פילט אייך ווי אין אַ היימישער באַד; דער דערציילט אַ מעשה'לע, דער אַ וויץ. דערווייל קריכט אייך עפּעס אַ פרעמד קינד אַרויף אויף די קני און שלעפּט אייך אַראָפּ די ברילן, בעת פון אונטן נעמט אייך אַ צווייט קינד אַראָפּ דעם קאַפּעליוש, פּאַטשט אייך אין דער פּאַטילניצע און זאָגט: „אַנקל, גיווו מי אַ פּעני!" אויב נישט, סטראַשעט ער אַרויסצוואַרפן דעם קאַפּעליוש דורכן פענסטער. אָדער מיט אַמאָל פילט איר, אַז עפּעס קאַפּעט אייך אַריין אין האַלז אַריין. פון וואַנען קאַפּעט עס? קיין רעגן גייט נישט און הער דאָך פון דער „קאַר" איז חלילה נישט געלעכערט. ס'קאַפּעט אָבער פאָרט מיט עפּעס אַזוינס וואָס ס'פילט זיך געזאַלצן. ערשט, איר כאַפּט זיך, אַז אַ אידענע פירט אַ צושניטענעם הערינג מיט ראָסל איינגעפּאַקט אין אַ פיין פּעקעלע, אָבער דאָס פּעקעלע האַלט זי מיט דער האַנט אויפן „קאַר־סטרעפּ"; האָט זיך דאָס פּעקעלע אַ קאַפּעטשקעלע צועפנט און אייער באַקעטער רוקן האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ ביסל הערינג־ראָסל...

הכלל, ס'איז דער אמת'ער יידישער תענוג צו פאָרן מיטן „ווייטשעפּלער עקספּרעס", בפרט נאָך דאָנערשטיק, ווען דאָס גאַנצע „שטעטל" לאָזט זיך אַראָפּ אין „שטאָט" אַריין צום גרויסן יאַריד — צו דער „ליין", איינצוקויפן אויף שבת. ס'פאָרן דעמאָלט „בעגס", קאַשעקעס, טשעמאָדאַנעס און דער עיקר — ווייבער. אַ וועלט מיט ווייבער.



באַלד ווי דער „ווייטשעפּלער עקספּרעס" רירט זיך נאָר פון סטעמפאָרד־היל, הויבט זיך אָן זיין קליענטור. דאָרט, אין סטעמפאָרד־היל, שפּאַנען אויף אים אַרויף „ליידיס" מיט פוטערנע מאַנטלען און פיינע „העטס". אָנקומענדיק קיין סטאָק־ניואינגטאָן קריכן אויף דער „קאַר" אַרויף שוין נישט קיין „ליידיס", נאָר סתם פרויען אָנגעטון אין נישט קיין גאַנצענע פוטער־מאַנטלען, ווי די „ליידיס" פון סטעמפאָרד־היל, נאָר — וואָלענע מאַנטלען מיט פוטערנע קעלנערלעך. אין דאַלסטאָן שלעפּן זיך שוין אויף דער „קאַר" אַרויף, נישט קיין „ליידיס" און נישט קיין פרויען, נאָר פּשוט'ע יידענעס מיט איינפאַכע מאַנטלען, אָן אַ ברעקל פוטער אָדער מיט אַן אָפּגעשאָסן קעלנערל פון עפּעס אַ חיה, ענלעך צו אַן אָפּגעצוואָגענער קאַץ. אין שאָרדיטש קומט שוין קיינער נישט אַרויף, ווייל אויב אימיצער דאַרף פון דאָרט זיין אין די „ליין" אָדער אין ווייטשעפּל, איז אַ שאָד אַ פּעני. מ'קען פאָרן מיטן נומער 2 — מיט די רגלים...

צוריקוועגס זענען שוין די אַלע ווייבער, אי די סטעמפאָרד־הילער „ליידיס", אי די סטאָק־ניואינגטאָנער פרויען און אי די דאַלסטאָנער יידענעס אָנגעפּאַקט מיט כל־טוב, ובעיקר מיט פיש אויף שבת.

ווילט איר טרעפן וווהין די ווייבער פאָרן, קוקט נישט אויף זייער „הילוך", נאָר וואַרפט אַן אויג אויף די געשוואָלענע „בעגס" וואָס זיי פירן. די סימנים זענען אַזעלכע:

קוקט פון אַ „בעג" אַרויס אַ פיינער פעטער קאַרפּ, אַ גלאַנציקער ווי אָנגעצויגן אין אַ זיידענער קאַפּאָטע און ווינקט מיט אַן אויג — פאָרט ער קיין סטעמפאָרד־היל. קוקט אַרויס אַ לעשטש אַן אויסגעמאַגערטער וואָס איז חצי־געפגר'ט — פאָרט ער קיין סטאָק־ניואינגטאָן. קוקט אָבער אַרויס אַן אויסגעצערט בלאָס „הערעקל" מיט פאַרמאַכטע אויגעלעך — זייט זיכער, אַז ער פאָרט קיין דאַלסטאָן.

דאָס „הערעקל", זאָלט איר וויסן, איז נישט קיין בן־יחיד'ל, ס'איז בלויז דער פאָרשטייער, דער דעלעגאַט, פון אַ גאַנצער „לאָט", פון אַ מציאה, וואָס מ'האָט מיט צרות קוים אויסגעדונגען.

מיין לאַנדסמאַן, ירוחם דער מלמד, באַקאַנט אַלס „דער פילאָזאָף", זאָגט דערביי אַרויס צוויי געניאַלע געדאַנקען:

ראשית, אַז קורצזיכטיקע דאַרפן זיך נישט אָנטון די ברילן כדי אַ קוק צו טון אויפן „הערעקל", זיי וועלן עס שוין פונדערווייטנס דערפילן... אַזאַ „הערעקל" איז געראָטן אין זיין פלונית'טע, אין זיין ראשע־גיטלען, ס'לאָזט זיך הערן...

צווייטנס, האַלט ער, אַז ס'איז גאָר קיין ראיה נישט, אַז די „הערעקלעך" פאָרן קיין דאַלסטאָן. ס'איז היינט אַ פאַרקערטע וועלט. ס'קען גריילעך זיין, אַז זיי פאָרן גאָר קיין סטעמפאָרד־היל. ווייל אַלע „הערעקלעך" רוקן זיך היינט קיין סטעמפאָרד־היל, און די מכלומר'שטע פעטע קאַרפּן זענען גאָר אינגאַנצן קיין קאַרפּן נישט. זיי מאַכן בלויז דעם אָנ־

שטעל פון קאַרפּן, אָבער אין אמת'ן זענען זיי פאַרשטעלטע הערינג — אַ בלאָף!

מילא, אפשר איז ער גערעכט.

• • •

און אַזוי פירט דער „וויטשעפּלער עקספּרעס" דאָס „שטעטל" אין „שטאָט" אַריין אַהין און צוריק און דעם גאַנצן וועג ווימעלט און שווימעלט ער מיט יידיש לעבן.

בלויז איין שטיקל וועג פאָלט דער „וויטשעפּלער עקספּרעס" אַריין אין אַ מרה־שחורה, בעת ער קומט אָן פון סטעמפאָרד־היל און שטעלט זיך אָפּ ביים עק וויטשעפּל־אָלדגייט; דעמאָלט גיט זיך די „קאַר" אײַנגאַנצן אַ ליידיק אויס און זי פאַרט אַוועק עלנט, פאַר'יתום'ט, אָן אַן איינציקן פּאַסאַזשיר צו די „דאָקס".

דעם קאָנדוקטאָר ווערט אַזוי קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, אַז ער נעמט אַזש געניצן.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין יידישן שעלטער, 63 מענסעל סטריט, א.1., 3 אַזייגער)

שבת, דעם 16־טן יאַנואַר, וועט זיין געווידמעט דעם שאַפן פון דעם לאָנדאָנער דיכטער משה עובד. ס'איז 25 יאָר איצט זייט ס'איז דערשינען זיין ערשט בוך „אַרויס פון כאַאָס". שרייבער־חברים און קינסטלער וועלן זיך באַטייליקן מיט רעדעס איבער זיין שאַפן און רעציטירן פון זיינע ביכער. י. ביטש, דער פאָרזיצער פון בן אורי, וועט ריידן איבער משה עובד'ס קולטור־טעטיקייט אין יידישן לאָנדאָן.

שבת, דעם 23־טן יאַנואַר, וועט זיין דער נאָכמיטאָג לכבוד שבת־שירה און חמשה־עשר־בשבט. דער באַקאַנטער אַקטיאָר יידל גאָלדבערג וועט זינגען יידישע פאָלקס־לידער, מנשה ווייסגראַז און מר. ראָכמאַן און אַנדערע וועלן רעציטירן פון די קלאַסיקער. א. מ. קייזער וועט פאָרלייענען זיינע אַ חמשה־עשר הומאָרעסקע.

שבת, דעם 30־טן יאַנואַר וועט מ. מינדל האַלטן אַ פאָרטראַג איבער מאָריס ווינטשעווסקי. אייזיק גאָלדבערג און מאיר ניסנבוים וועלן פאָרלייענען פון ווינטשעווסקי'ס ווערק.

שבת, דעם 6־טן פעברואַר, אַ פאָרטראַג פון זשורנאַליסט י. טיגער איבער וויטשעפּל, און א. מ. קייזער וועט פאָרלייענען וויטשעפּלער פעלעטאָנען.

שבת, דעם 13־טן פעברואַר, אַ פירונג דורך די רוסישע בילדער־אויסשטעלונג, אין דער וויטשעפּלער אַרט־גאַלעריי.

---

פערלאַג און דרוקעריי

י. נאַראָדיצקי, 129־131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

**8 פענס.**